### בנימין=שמשון

דעם פייער פאַרשטיקט און זיי אָפּלאָזן? ניין, דאָס וועט נישט דערלאָזן ווערן! איך וועל מיין קאָפּ אַוועקגעבן און אַזאַ זאַך זאָל נישט פאַרשוויגן ווערן.

### נחמן

לאָזט צו דעם רב נעענטער. זאָל דער רב אויספרעגן, וואָרעם איידער וואָס זאָל זיך דאָס נישט צעטראָגן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

### ר' לוי=יצחק

דערציילט, ביניש, ווי קומסטו אַהער? איז דאָס אמת, וואָס מען זאָגט אויף דיר?

### כוועדער

אמת. איך, ביניש, געוואָלט צינדן.

### שטימען

— האַ=האַ, זיך מודה געווען!
— וועמען האָבן זיי געוואָלט צינדן?
— וואָס איז די נפקא=מינה, שטאָט האָבן זיי געוואָלט מיטן פייער אַוועקלאָזן.
— אַזאַ חילול=השם!

### נחמן

שווייגט, שטיל זאָל זיין! דערציילט, וואו האָט איר זיי געכאַפּט? עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז איין שטאָט זאָל דער אַנדערער וועלן אַוועקלאָזן מיטן פייער. איך זאָג, אַז מען זאָל זיי דאָ אויף אָן אָרט זיי אָפּגעבן דעם פּסק.

### שטימען

— מלקות אַריינציילן!
— וואָס מיר מלקות, פאַר אַזאַ זאַך קומט תפיסה!

### ר' לוי=יצחק

יידן, דערמאָנט אייך, אַז איר זענט יידן. איר זאָלט, חלילה, נישט גורם זיין צו אַ גרויס זינד. און ביזיונות איז אויך קיין קלייניקייט נישט.



### כוועדער

כוועדער שולדיק. זיי אים געזאָגט: גיי, כוועדער, צינד האַראַטשין. איך זאָג: ייד מיט מיר גיי. זאָג ביניש: איך גיין, כוועדער. שטאָט פאַרברענט, ראַבין גיין צוריק.

### נחמן

אָט דאָס איז דאָס. איר האָט געהערט, רבי?

### אַ ייד

וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו דערציילן? איך גיי אַרויס אין דרויסן, זע איך עמעצער גנבעט זיך הינטער מיין שטאָל. טראַכט איך מיר, טאָמער גנבים. גיי איך אַוועק און רוף אַרויס אין דער שטיל סענדערן. קומען מיר שוין צו, אַז דער פייער האָט זיך שוין גענומען פאַרנעמען גאַר אויף אַ גרויסן אופן — די סטרעכע אונטערגעצונדן. פונקט געשטאַנען אַ פעסל וואַסער אונטערן סטרעכע, האָב אַ ך אָנגעשעפּט און איינגעלאָשן.

### נחמן

הייסט עס, זיי זענען עס די צינדערס.

### ר' לוי=יצחק

איך קען נישט גלויבן אַזאַ זאַך אויף יידן.

### שטימען

— דעריבער האָט מען דאָך אַן ערל מיטגענומען.
— אַוודאי האָט ער מורא געהאַט אַליין.
— געקענט די גאַנצע שטאָט אַוועקלאָזן מיטן פייער.
— אַזאַ ווינט, אַזוינע היצן.
— עס האָבן נאָך חלילה מענטשן געקענט אומקומען.
— דער בית=מדרש געקענט מיטן פייער אַוועקגיין.

### בנימין=שמשון

אַ גוי מיטגענומען, ער זאָל די מלאכה אָפּטאָן.

### כוועדער

איך ניש אַ גוי. איך אַ ייד — דו ייד, הינטישער ביין!

צ י ב ו ל ע

דו, הינטישער ביין, דו האַראַטשין וויל פאַרברענען — איך דיר...

ער לאָזט זיך צו כוועדערן שלאָגן. מען נעמט אים צוועק אָן אַ זימט.

ב י י נ י ש

רבי, איך האָב אונטערגעצונדן.

ר׳ ל ו י ־ י צ ח ק

איך גלויב נישט.

ב י י נ י ש

איך האָב נאָר געוואָלט אָנשרעקן די שטאָט.

ש ט י מ ע ן

— רבי, איר זייט צו ווייך מיט די פושעי־ישראל.

— אַז מען וועט פאַרשווייגן איצטער, וועלן זיי סוף־כל־סוף האַראַטשין אוועקלאָזן מיטן פייער.

— גערעכט, איבערגעבן זיי צום משפט!

נ ח מ ן

איך זאָג, אַז די־אָ צוויי זענען נישט שולדיק. גאַנץ כאַטשעווע שטייט הינטער זיי. מען באַדאַרף רופן נאָך רבנים און האַראַטשין זאָל האָבן מיט כאַטשעווע אַ דין־תורה.

צוויי ייִדן, צעשראָקענע, רייסן זיך אַריין מיט אַ געשריי.

ע ר ש ט ע ר

ייִדן, ראַטעוועט זיך — מען איז געקומען אייך אונטערצינדן!

צ ו ו י י ט ע ר

דאַכט מיר, אַז אייער שטאָט ברענט שוין ערגעץ.

ר׳ ל ו י ־ י צ ח ק

שלום־עליכם, ייִדן, כאַטשעוועער ייִדן.

ע ר ש ט ע ר

אָט איז דאָך כוועדער, אָט איז דאָך ביינִיש.

צ ו ו י י ט ע ר

דאַנקען גאָט, געלויבט איז דער אייבערשטער.



ש ט י מ ע ן

— אַהאַ, געכאַפּט אייערע לייט!

— אפשר אייך געקומען צינדן.

— זאָל מען זיי אויך בינדן!

— שמידן אין קייטן!

— אין תּפיסה פאַרשפאַרן, אָדער גאָר בינדן און אין הקדש אַריינוואַרפן.

ע ר ש ט ע ר

לאָזט געמאַך, ייִדן. מיר האָבן זיך דערוואוסט וואָס מען וויל האַראַטשין טאָן, זענען מיר געלאָפן נישט צו דערלאָזן. די פערד שיר צום טויט נישט פאַרשמיסן.

כ ו ו ע ד ע ר

דו, כוועדער, דוראַק. דו, ביינִיש, דוראַק, דיינע אייגענע געקומען דאַנאָסען.

ר׳ ל ו י ־ י צ ח ק

איך גלויב דאָך נישט מיינע אויגן. איך גלויב דאָך נישט מיינע אויערן. כאַטשעווע און האַראַטשין זענען זיך צונויפגעקומען אין מיין שטוב צוליב אַ שריפה. זעט, ייִדן, צי די גאַנצע זאַך איז נישט אַ טעות. העלף מיר, רבונו־של־עולם, די מחלוקת איינצושטילן. איך פיל, ווי די ערד שאָקלט זיך אונטער מיר. העלף מיר, איך זאָל חלילה נישט נכשל ווערן, און אַז צוליב מיר זאָלן חלילה אונזערע ייִדן, בני־אברהם, יצחק ויעקב נישט נכשל ווערן. עס קומען אָן נאָך כאַטשעוועער ייִדן, קוקן אויס שטאַרק צעשראָקן, גיבן אָפּ אַ גוטן אָוונט. בלייבן לעבן טיר.

ע ר ש ט ע ר

אָט איז ביינִיש און כוועדער, האָבן זיך אונטערגעגעבן.

צ ו ו י י ט ע ר

געלויבט איז גאָט.

ד ר י ט ע ר

געלויבט איז השם־יתברך.

פ ע ר ט ע ר

עס איז אין זכות פון רב. עפּעס נישט קיין קלייניקייט.

[000]